# ל״ג בעומר ה׳תשס״ה

אִיר אַלֶע הָאבְּן זִיךְ דָא צוּזַאמֶענְגֶעקְלִיבְּן לִכְבוֹד דֶעם טָאג פוּן לַ״ג בָּעוֹמֶר, וָואס זִיכֶער וַייס יֶעדֶערֶער פוּן אַיְיךְ דִי הוֹיפְּט–זַאכְן אוּן פַּאסִירוּנְגֶען וָואס זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם טָאג, וָואס בִּכְלָלוּת אִיז דָאס אָט דָאס וָואס דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא אִיז פוּן לַ״ג בָּעוֹמֶר אָן הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי דֶער רֶבִּי זֵייעֶרֶער רַבִּי עֲקִיבָא הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט, אַז ״וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ״, אַז מְ׳זָאל נוֹהֵג זַיְין כָּבוֹד, בַּאצִיעֶן זִיךְ וִוי סְ׳דַארְף צוּ זַיְין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער עִנְיָן וָואס דָאס אִיז דֶער טָאג וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אֵיינֶער פוּן דִי הוֹיפְּט–תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא, הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס אִיז זַיְין יוֹם שִׂמְחָה, דֶער פְרֵיילֶעכֶער טָאג, וָואס עֶר הָאט דֶערְגְרֵייכְט דָאס הֶעכְסְטֶע אִין לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, אוּן אִין אַ וֶועג אַז דָאס זָאל דֶערְנָאךְ אַרָאפְּקוּמֶען דוּרְךְ זַיְינֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידִים פוּן תַּלְמִידִים בִּיז צוּ אוּנְזֶער דוֹר, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן וֶועט אַרוֹיסְפִירְן אִידְן פוּן גָלוּת, אוּן וֶועט זֵיי פִירְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

סְ׳אִיז דָא נָאךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע עִנְיָן אוּן לֶערְנוּנְג אוֹיף הַיְינְטִיקְן מַצָּב, וָואס אַיְיעֶרֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ, אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שְׁטֵייעֶן אִיצְטֶער אִין אַזַא לַאגֶע, וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשִׁיצְט זֵיי אוּן שִׁיקְט זֵיי זַיְינֶע בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה אוּן יְשׁוּעָה אִין אַ פַארְגְרֶעסֶערְטֶער מָאס, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם אִיצְטִיקְן מַצָּב מִיט הַצְלָחָה, לִיגְט אוֹיף אַיְיךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זְכוּת אַרוֹיסְהֶעלְפְן זֵיי, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיר וֶועט לֶערְנֶען מִיט אַ פָּסוּק מֶערֶער תּוֹרָה, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיר וֶועט מְקַיֵּם זַיְין נָאךְ אַ מִצְוָה אוּן נָאךְ אַ מִצְוָה, אוּן וֶועט נִיט דוּרְכְלָאזְן קֵיין

גֶעלֶעגְנְהַײְט אִין דֶעם, אוּן וֶועט אוֹיךְ טָאן אִין "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" אַײְנְוּוִירְקְן אוֹיף אַײעֶרֶע קְרוֹבִים אוּן פְרַײְנְט אוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אוֹיסְנוּצְן יֶעדֶע מֶעגְלֶעכְקַײְט אוֹיף פַארְשְׁפְּרֵייטְן תּוֹרָה אוּן אִירֶע מִצְווֹת אִיז ווִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט, אִיז דָאס מַצִיל יֶעדֶער אִידְן וואו עֶר זָאל זִיךְ נָאר נִיט גֶעפִינֶען פוּן דֶי שְׁוֶוערִיקַײְטְן מִיט וֶועלְכֶע עֶר טְרֶעפְט זִיךְ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶענְס בְּרָכָה אִין אַ פַארְגְרֶעסֶערְטֶער מָאס, אִין אַ יְשׁוּעָה וְהַצְלָחָה.

אוּן אָט דֶעמָאלְט אִיז וֶוערט מְקֻיָּם אָט דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֵייעֶנְט אִין דֶער סֶדְרָה נֶעכְטְן, אַז "וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח בְּאַרְצְכֶם", אַז אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זִיצְן דָארְטְן זִיכֶער, "וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ" אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַמְשִׁיךְ זַײְן אַז סְ'זָאל זַײְן שָׁלוֹם אִין אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה, "וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים" אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַײְן אוּנְזֶער גָ–ט אוּן דֶער גָ–ט פוּן אַלֶע אִידְן וואו זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ, "וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם" אוּן יֶעדֶערֶער פוּן אַײְךְ אוּן אִיר אַלֶע צוּזַאמֶען, וּבִמְיוּחָד דִי אִידְן אִין אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה, וֶועלְן זַײְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶענְס פָאלְק, וָואס עֶר וֶועט זֵיי אַרוֹיסְפִירְן בְּיָדוֹ הַמְלֵאָה הַפְּתוּחָה הַקְּדוֹשָׁה וְהָרְחָבָה, פוּן זַײְן בְּרֵייטֶער אוּן אָפֶענֶער אוּן פוּלֶער הַאנְט, פוּן אַלֶע שְׁוֶוערִיקַײְטְן, אוּן וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען אִין שָׁלוֹם וּבֶטַח אִין אַלֶעם אִין וָואס זֵיי נוֹיטִיקְן זִיךְ. וּבְקָרוֹב מַמָּשׁ וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן ווִי דֶער סוֹף פוּן דֶער פַּרְשָׁה וָואס מְ'הָאט גֶעלֵייעֶנְט: "וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת" אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט פִירְן יֶעדֶער אִידְן אוּן אַלֶע אִידְן בְּקוֹמָה זְקוּפָה, מִיט אַן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶער קָאפּ, בְּקָרוֹב מַמָּשׁ, אִין דֶער אֱמֶת'עֶר אוּן אִין דֶער גַאנְצֶער אוּן פוּלֶער גְאוּלָה, עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, דוּרְךְ מָשִׁיחַ'ן, וָואס עֶר וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב אוּן וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּנְז – אוּן דִי אִידְן וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּפְרַט – פוּן דֶעם גָלוּת, אוּן וֶועט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען מַלְכוּת שָׁמַיִם, דִי גְאוּלָּה הָאֲמִתִּית וְהַשְּׁלֵמָה, בְּקָרוֹב מַמָּשׁ, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן. (משיחת ל"ג בעומר ה'תשכ"ז.)